יגיע כפיך כי תאכל
balboos
May 9, '11 פרשת בהר תשע"א

די היינטיגע וואך

צאת הכוכבים (72) נ.י.:
9:11-9:14

Click Here
Stock Photos
OtzarStock BETA
Hebrew Fonts
The *Only* Source for Jewish Graphic Designers
Hebron
Girls in a playground
Jerusalem view
Donuts
Mountain landscape
Yeshiva hall

מיר מוטיגן צו כאפן א בליק דורכאויס די וואך אויף די דיסקוסיע בלעטער אנליין, אין הנאה האבן פון די לעבעדיגע אקטיוויטעטן און שמועסן איבער טעמעס וועלכע ווערן דערמאנט אינעם בעל-בית.
הויפט בלאט (די לינק צו איטליכע ארטיקל, ווערט אנגעגעבן אונטער יעדע ארטיקל באזונדער).

דעת בעל-בית

זוכט ראט וועגן אינוועסטמענט

חשובער רעדאקטער.

איך בין א שטענדיגע ליינער פון בעל בית און איך ליין אלץ מיט גרויס אינטערעסע.

איך וואלט געוואלט פרעגן אויב איינער קען ראטן ווי עס לוינט זיך צו אינוועסטן, איך האב אוועקגעלייגט א פופציג אלפים אין גמ"ח און איך ווייס נישט וואס צו טאן דערמיט.

איך ברויך נישט און האלט נישט ביים אינוועסטן אין קיין לייף אינשורענס, (איף האב א טערם לייף אינשורענס) איך וויל א נארמאלע געהעריגע אינוועסטמענט מיט שיינע רווחים, וואס איז מער ווייניגער זיכער.

די פראבלעם איז אויך אז עס איז שווער צו האבן אויף די אייגענע נאמען אלעס, אויב איינער קען עפעס מיעץ זיין וועל איך שטארק מכיר טובה זיין.

איך גלייב אז עס זענען דא אלטערנאטיוון חוץ לייף אינשורענס.

א דאנק פון פאראויס

י. י. ב.פ.

באקומען א טעקסט מעסעדזש ווען מען באקומט א אימעיל

בנוגע די שאלה:

וויאזוי צו באקומען א טעקסט מעסעדזש ווען מען באקומט א אימעיל.

א פשוטע עצה מען זאל לייגען די סעלפון פאר די פארוועדינג אימעיל אדרעסס פונקט ווי מען קען מאכען אז א יעדע אימעיל זאל ווערן אויטאמאטיש געשיקט צו א אנדערע אימעיל אדרעסס קען מען דאס זעלבע טון מיט די סעלפון.

ווייל די מציאות איז אז יעדע סעלפון קען שיקען טעקסט צו אימעיל און צוריק באקומען פון אימעיל נאר מען דארף עס שיקען צו די אימעיל אדרעסס פון די סעלפון נישט פלעין די נומבער ווי ביי געווענטליכע טעקסט.

די אימעיל אדרעסס איז יעדע קאמפאני אנדערש,

ביי ווערייזען אדער פעטש פלאס איז עס די סעל נומבער

vtext.com @

און ביי ספרינט איז עס די סעל נומבער

messaging.sprintpcs.com@

יעצט דארף מען גיין צו די סעטונגס פון די אימעיל און אנשטעלן די סעלפון אימעיל אדרעסס פאר די פארוועדונג אדרעסס און אזוי באקומט מען א טעקסט פון די אימעיל ווען עפעס קומט אריין.

די גרינגסטע וועג צי האבען די אימעיל אדרעסס פון די סעל איז צי שיקען א טעקסט מעסעדזש צי די אימעיל און מען קאפיעט די אדרעסס וואס קומט ארויף פון די אריינקומענדיגע מעסעדזש.

עיבער

מען דארף אכטונג געבן אויך אנצושטעלן די Leave a copy of your massages on the server וואס דאס מיינט אז די אי-מעילס זאלן נישט אינגאנצן ארויסגיין פונעם אקאונט.

א.מ. וומ"ס

לעצטענס ארבייט שוין נישט די מעטאד, ווייל גוגל שיקט קודם א קאנפערמעשן אימעיל צו די אקאונט צו וואו מען וויל פארווערדן, און אויפן טעלעפאן קען מען עס נישט קליקן.

שמעי'

עס ארבייט יא איך האב עס יעצט אויספראבירט די ווערפיקעישאן קאוד קומט אן צו די סעל פאן און מען לייגט אריין די קאוד נומבער.

זרח

אויב איר נוצט אוטלוק, גייט צו אפשענס/ מאביל.

שיף

טוישן די דיפאולט פאלדער ווען מען סעיווט א פייל אין ווינדאוס

קודם יש"כ פאר ענקער ארבעט.

כ'האב געוואלט פארשטעלן מיין שאלה ווען כ'וויל סעיווען א דאקומענט אין אפיס 07 און איך וועל דריקן Save As וועט ער ביי אסאך פראגראם'ס זיך עפענען ביי מיי דאקומענטס / לייברערי און כ'וועל דארפן מישן צו דעסקטאפ אין פין די דארט צו די פאלדער ווי איך זיך.

אנדערש ווי ביי רוב פראגרעמס ווי עס עפנט זיך ביי די דעקסטאפ אדער ביי די זעלבע פלאץ ווי מ'איז פריער ג'סעיווט.

ווייסט איינער וויאזוי מ'קען עס טוישן?

(-)

רעדאקציע: מיר ווילן אנמערקן אויף נאך עטליכע אינטערעסאנטע שמועסן וואס זענען פארגעקומען אנליין, נאר מיר קענען נישט אלעס אראפברענגען.

אט זענען עטליכע לינקס.

הלכה שמועס: שיקן א אימעיל אדער פאקס צו א פלאץ ווי עס איז שוין שבת
balboos.com/content/?p=1481

היציגע דעבאטע: נעמען פראגראמען, הייבן פרייזן
balboos.com/content/?p=1492

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוון צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא

INTRODUCING
THE PRESTIGE,
A NEW HOUSING
DEVELOPMENT
IN MONSEY.
Click Here
The PRESTIGE
SPACE TO LIVE, FREEDOM TO ENJOY.

יוחנן שיף

היימישע אויסגאבע אין הייס וואסער צוליב העצע פון אידישע בלאג

א היימישע צייטונג וואס ערשיינט אין ניו יארק אין די אידישע שפראך, האט געדריקט פאראגאנגענע וואך א בילד פון די פרעזידענט מיט זיין קאבינעט בשעת די אקציע אויף בין לאדין, וויבאלד אויף די בילד איז אויך געווען אנוועזנד די סעקרעטארשע אוו סטעיט, מרת קלינטאן, האט די צייטונג עס אויסגעמעקט, אזוי ווי עס איז די זעלבסט פארשטענדליכע סטאנדארט אלע יארן ביי ערליכע אויסגאבעס נישט צו דריקן קיין בילדער פון נשים אין אויסגאבעס וואס ווערן געליינט דורך מענער.

ליידער איז עס אריינגעפאלן אין מויל פון א געמיינע אידישע בלאג, די אפגעטרינענע געמיינע נפשות האבן שוין א שמוציגע רעקארד פון כסדר העצן אויף אידן ווען אימער א איד פארפלאנטערט זיך מיטן געזעץ, עס ווערט ליידער מקוים היינטיגע צייטן די תוכחה "ורדו בכם שנאיכם: בשעה שאעמיד עליכם מכם ובכם, הם מחפשים אחר המטמוניות שלכם".

פון דארט איז עס געווארן אויפגעכאפט -מן הסתם צוליב די מאסיווע מידיע אינטערעסע אין די היסטארישע בין לאדין געשעניש- דורך פילע ריזיגע צייטונגען און נייעס ארגענעזאציעס דאהי און אין אויסלאנד, וואס האבן עס אויסגעטייטשט א טייל מיט וואונדער און א טייל מיט אפשיי.

א מאדערענע ראביי א מה יפה'ניק, האט זיך צוגעשטעלט צום וואגן און געגעבן סטעיטמענטס פאר די פרעסע אז אויסמעקן א פערזאן פון א בילד איז אקעגן די אידישע פרינציפאל פון "גניבת דעת"...

עס האט נישט צוגעהאלפן די פאקט וואס די ווייסע הויז האט ארויסגעגעבן די בילד מיט די תנאי אז עס טאר נישט ווערן מאדעפיצירט אויף קיין שום אופן. וואס לויט דעם האט דאס בילד נישט געטארט געענדערט ווערן פון דעם ארגינעלן אינהאלט.

אין א שמועס מיט א לעגאלע עקספערט אויף קאפירייט ענינים, האט ער אנגעוויזן אז עס וועט לכאורה נישט זיין קיין לעגאלע פראבלעמען וויבאלד די אייגיגסטע וואס קענען עס פארסירן איז די ווייסע הויז, וואס זיי האלטן די קאפירייט אויפן בילד. און עס איז זייער נישט מסתבר אז די ווייסע הויז וועט זיין אינטערעסירט אריינצוגעבן א קלאגע דערוועגן. עס איז טאקע נישט קיין בעטעמ'טע עסק, אבער ב"ה נישט מער פון דעם.

וואס מיר דארפען יא ארויסנעמען דערפון

- ליידער איז שוין היינט נישטא אזא באגריף ווי "עס בלייבט צווישן אונז" אפילו ווען עס פאסירט אין די אייגענע ד' אמות.
- די אינטערנעט איז זייער א אפענע פלאץ, א זאך וואס מען שרייבט סיי ווי, ווי נישטיג און ווערטלאז די זייטל זאל נישט אויסקוקען, איז נאר א קליק אוועק פון סיי וועלכע רעפארטער, אנטיסעמיט און רעגירונג אינסטאנצן.
- אויב מען נוצט א בילד פון די אינטערנעט פאר סיי וועלכע סיבה זאל מען מאכן זיכער אז מען האט די לעגאלע רעכטן דערצו, און אז מען פאלגט אויס די תנאים פון די לייסענס.

Lastpass ווארענט וועגן א פאטענציעלע זיכערהייטס איינברוך, מוטיגט צו טוישן פעסווארד

לעסט-פעסס האט די פאראגאנגענע וואך געווארענט אין זייער בלאג, אז עס איז באמערקט געווארן פארדעכטיגטע טרעפיק אויף איינע פון די סערווערס ווי עס איז ווערט געהאלטן געהיימע דאטא פון קליענטן. די סערווערס זענען תיכף געווארן אפגעזונדערט, און לעסט-פעסס האט אונטערגענומען א אויספארשונג דערוועגן, עס איז נאך דערווייל נישט אנטפלעקט געווארן קיין מסקנות.

לעסט-פעסס מוטיגט שטארק אלע זייערע באנוצער צו טוישן די הויפט פעסווארד ווי שנעלער. א אקט וואס קלינגט איראניש פון א פירמע וואס איר מאטא איז "די לעצטע פעססווארד וואס איר וועט דארפן"...

לעסט-פעסס איז א אויסגעצייכנטע אנליין פעסווארד מענעזשער סערוויס, וואס איז אין די פאראגאנגענהייט רעקאמאנדירט געווארן דורך א ליינער אין די "עצה טובה" קאלום. און וווערט ברייט באנוצט אין די וועלט.

עקספערטן זענען זייער צופרידן פון די וועג ווי אזוי לעסט פעסס האנדלעט די סיטיואציע, און שטרייכן אונטער אז הגם עס איז טאקע רעקאמאנדירט צו טוישן די פעסווארד, איז עס בלויז צו זיין עקסטער פארזיכטיג, ווייל לויט אלע וואהרשיינליכקייטן, אפילו אויב עס זאל טאקע האבן געווען אן אטאקע, און עס איז באמת געלונגען פאר די העקערס צו לקח'נען דאטא, איז די דאטא "ענקריפטעד", און קען נעמען יארען אויפצוברעכן בלויז איין לאנגע קאמפליצירטע פעסווארד.

די פאסירונג שטרייכט נאכאמאל אונטער די וויכטיגקייט פון האבן לאנגע און קאמפליצירטע פעססווארדס, און זיי טוישן אפט אויב מען האלט סענסיטיוו אינפארמאציע אנליין.

לעסט-פעסס האט אויך געמאלדן אז זיי נעמען אן עטליכע פארבעסערונגען וואס וועט פארמיידן אזעלכע סארט אטאקעס אין די צוקונפט, אויך הייבן זיי יעצט אן צו נוצן א שטערקערע 256 ביט ענקריפציע אלגאריטם. וואס מאכט די דאטא -פון א מאטאמאטישע שטאנדפונקט- ממש אוממעגליך צו העקן.

אדאבי קריעטיוו סוויט אפדעיט צו ווערסיע 5.5



ווערט נישט צו פרייליך, עס איז מן הסתם נישט אינטערעסאנט פאר אייך. עס איז נישטא קיין נייע אפדעיטס פאר פאטאשאפ, איליוסטרעטאר און פייערווארקס. און די אפדעיטס פאר אינדעזיין זענען בלויז נוגע פאר אי-בוקס, דיגיטאלע אויסגאבעס און עפפס. וואס האט זיך יא געטוישט? בעיקר מער קאמפעטיביליטי פאר נייערע טעכנאלאגיעס אין מאביל דעווייסעס, אזוי אויך מער סופארט פאר CSS3 און HTML5 אין דרימוויווער.

אינטערעסאנט איז, אז די מינימאלע אפדעיט איז נישט פריי פאר CS5 באנוצער, נאר אויב מען האט עס געקויפט לעצטענס. עס איז א נארישקייט און שטייפקייט פון אדאבי וואס ווייכט נישט אפ פון זיך לאזן באצאלן פעטע פרייזן ביי יעדע געלעגנהייט, א דאנק די פאקט אז זי פארמאגט בכלל נישט קיין קאמפעטישאן אויף רוב פון אירע פראדוקטן.

אין אנדערע אדאבי נייעס, אדאבי האט לעצטענס באשטעטיגט אז די קומענדיגע ווערסיע פון קריעטיוו סוויט (6?) וועט נישט זיין צו באקומען פאר יארע '12.

ענדליך: גוגל וואויס אויף ספרינט נעטווארק אין קראפט

ווי געמאלדן אין די פאראגאנגענהייט, האבן גוגל מיט ספרינט געמאכט א דיל צו צושטעלן גוגל וואויס פאר אלע ספרינט קליענטן, די פאראגאנגענע וואך איז עס אריין אין קראפט און איז שוין יעצט אוועליבעל פאר אלע ספרינט קליענטן.

מען האט די ברירה אדער צו ניצן די ביז יעצטיגע ספרינט נומער אויף גוגל וואויס, אדער די גוגל וואויס נומער אויף ספרינט. גוגל וואויס געט די מעגליכקייט צו נוצן איין צענטראלע נומער וואס וועט קלונגען אויף אלע אייערע ליינס, לויט ווי מען שטעלט עס אן, און בעיקר אסאך פאראגעשריטענע וואויסמעיל אפציעס. מען וועט אבער נישט קענען מאכן קיין טעלעפאן קאלס מיט גוגל וואויס דורך VOIP כדי צו אויסמיידן פון צאלן ספרינט פאר די מינוטן נאציאנאל, אבער מען וועט יא קענען מאכן ביליגע אינטערנאציאנאלע קאלס. עס איז נישט קלאר פארוואס עס לוינט זיך פאר ספרינט.

פאר מער אינפארמאציע און צו אקטיווידירן

http://www.google.com/googlevoice/sprint

דיסקוסירט אנליין

ABC check printing
new number
Tel: 718-880-5594
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

אליבא דהילכתא

זעה תשובה אונטן

איינקאסירן סעילס טעקס למעשה ולא להלכה

שאלה:

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס עס טרעפט זיך אמאל מענטשן וואס קאלעקטן סעילס טעקס הגם דער קויפער באצאלט מיט קעש, און זיי טוען דאס "נישט" פיילען מיט די שטאט, נאר זיי האלטן עס פאר זיך.

א ידיד האט מיר פראציילט, אז זיין בני בית האט איינגעקויפט אויף א ישיבה'ס נאמען (טאקע פאר א ישיבה) אבער די מוכר האט גערעכנט מכס מיט דער טענה: "איך בין שוין געניג ביליג!"

א אנדערע אופן איז דא, אז מען דרייט זיך ארויס אויף א לעגאלע וועג, ווי איינער האט מיר דערציילט אז אמאל בשעת'ן קויפן א קאר האט דער דיעלער (נישט קיין איד) געבעטן אכצען הונדערט טאללער פאר שטייערן, למעשה האט ער אויסגעפינען אז די מוכר האר געמאכט א דריידל און איבערגעשריבן אויף א נאן פראפיט ארגעניזעשאן אזוי צו שפארן די טעקס.

איז מיין שאלה (חוץ דעם פראבלעם פון דינא דמלכותא) איז דאס איז אויך גניבה כלפי דעם לוקח? ווייל ער געט עס פאר'ן מוכר נאר כדי ער זאל עס געבן פאר די שטאט, אדער קען ער זאגן "מה שהצלתי, הצלתי לעצמי, דו דארפסט ווען צאלן, אז איך מאך דעם דריידל, איז עס מיין רווח"?

(-)

עצה טובה

דיסקוסירט אנליין

ווען מען וויל אריינלייגן א נייע וועב אדרעס אין די בראוזער, ברויך מען קודם קליקן אין די אדרעס באר כדי עס צו מאכן אקטיוו און הערשט דערנאך קען מען אנהייבן צו טייפן.

די פאלגנדע פלאג-אין פאר פייערפאקס, לאזט אייך גלייך אנהייבן צו טייפן אין די אדרעס באר, נישט קיין נפק"מ ווי איר געפינט אייך די סקרין.

אויב ווען טעקסט זיין סעלעקטעד וועט עס אריינלייגן די טעקסט אין די אדרעס באר און צולייגן וואס איר טייפט בעפאר דעם, אויב ווילט איר בלויז אריינלייגן סעלעקטעד טעקסט, דריקט די ספעיס באר.

משה בראך ב.פ.

http://goo.gl/3p8R4

מקרב לב אנו מברכין ברכת מזל טוב חמה לידידנו וידיד כל בית ישראל
הר"ר יוסף חיים קויפמאן נ"י
לרגל אירוסי בתו הכלה שתחי'
יתן השם רק שמחה עושר ואושר בביתו וצדקתו עומדת לעד
המברכים
מערכת בעל בית

בית הבתים קומט אראפ צו אייך אין אפיס.
פיקט אויף די תפלין צו בודק זיין.
און ברענגט עס צוריק די זעלבע טאג!
דוב זיידה - סופר סת"ם
718.399.2753
בס"ד
בית הבתים

דאס געיעג
צו מצליח זיין
קליקט דא

ביזנעס מיט חכמה

דארף אייער ביזנעס אויך אן ערב פסח רייניגונג?

דורך: יואל קליין | איממידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

יעצט אז מיר האלטן שוין נאך פסח, און מען האט אביסעלע מער צייט, איז פונקט דער גוטער זמן צו רעדן וועגן די וויכטיגקייט פון מאכן א ערב פסח רייניגונג אויך אין די ביזנעס.

ווען מען רוימט אויס דאס שטוב איין מאל א יאר, ווערט מען נישט נאר פטור פון חמץ. פילע זאכן זאמלען זיך צאם דורכאויס דער יאר און מען נעמט דעם געלעגנהייט ערב פסח דאס צו מסדר זיין. איר האט זיכער הויפנס פון צאמגעזאמלטע זאכן אין אייער אפיס אדער געשעפט וואס וואלטן נישט געדארפט זיין דארט און זיי נעמען נאר אוועק פון אייער הרחבת הדעת. דורך פטור ווערן פון וואס איר דארפט נישט, מאכט איר פלאץ אויף וואס איר דארפט יא. פאלגנד זענען עטליכע פלעצער פון וואו איר קענט אנהייבן מיט אייער רייניגונג אקציע:

סביבה

- ווערט פטור פון אלע פאפיר הויפנס: קוקט זיי אדורך, און ווארפט ארויס וואס איר דארפט נישט. מאכט זיכער אז איר ווערט פטור פון יעדעס פאפיר וואס פעלט נישט אויס.
- רוימט אויס אלטע פיילס: דאס ארבעט זיך גאר גוט אויס ווייל ווען איר קוקט אדורך די פיילס פון אלטע קליענטן, קענט איר זיך פארשאפן נייע קליענטן!
- ווערט פטור פון אלס וואס מאכט אייער אפיס אנגעווארפן: זענען דא זאכן וואס איר מוזסט ארויסשיקן מיט די פאסט? זענען דא זאכן וואס איר ווילט אוועקגעבן? טוט דאס יעצט!

קשרים

- האט איר געוויסע קשרים וואס מאכן אייער לעבן אדער ביזנעס שווערער? לאזט זיי אפ און רוקט זיך ווייטערנישט אלעס וואס האט געארבעט פאר אייך מיט עטליכע יאר צוריק זענען נאך גוט פאר אייך היינט.
- שווערע געשפרעכן. זענען דא געוויסע אומאנגענעמע שמועסן וואס איר שטופט אפ? אפשר איז איינער אייך שולדיג געלט אדער א טובה? אפשר האבן זיי געטוהן עפעס וואס באדערט אייך? קיין חילוק וואס עס איז, יעצט איז דער צייט דאס צו אויפרוימען.

געוואוינהייטן

- זענען דא זאכן וואס איר טוהט יא אדער נישט און איר וואלט דאס געוואלט טוישן? אפשר ווילט איר אנהייבן א נייעם לעבנס-שטייגער אדער צולייגן עפעס צו אייער טאג? אדער אפשר פארברענגט איר צופיל צייט מיט אומוויכטיגע זאכן און איר קומט נישט אן צו וואו איר ווילט אנקומען?

איר וועט נישט דווקא הנאה האבן צו טוהן די איבערדערמאנטע רוימונגען, אבער איינמאל וואס איר טוהט זיי, וועט איר באמת שפירן גרייט פאר פסח-כאטש פון א ביזנעס שטאנדפונקט

יואל קליין איז א בארימטע היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, מיט איבער 10 יאר עקספירענס.

דיסקוסירט אנליין

ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.
ספעציעל אויסגעארבעט פאר'ן ביזנעסמאן אנצוהייבן די וואך מיט זאכליכע תוכן וואס זענען אים דירעקט נוגע.
רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.
יגיע כפיך כי תאכל
balboos
אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטאל
טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
718-775-3018
or mail to: mail@balboos.com
Introductory rate sheet

פון מיין
אפיס פענסטער'ל
מתתי' גראס

די יאגעניש הייבט זיך ווייטער אן?

יום טוב פסח זמן חרותינו איז פאראיבער פאר אונז בעלי בתים, מען האט אונז געגעבן א חול המועד וואס איז אסור במלאכה, קיין ברירה האבן מיר נישט געהאט און זיך געמוזט באקענען פונדערנאנט מיט אנדערע אספעקטן פונעם לעבן וואס מיר קענען נישט אזוי גוט זען אגאנץ יאר.

מיר האבן זיך באגעגנט אין בית המדרש מיט לומדי תורה, אינדערהיים האבן מיר זיך מער באקענט מיט די קינדער און געהאט מער רואיגערע צייט זיך אפצוגעבן מיט זיי, מיר האבן זיך באגעגנט מיט פארשידענע זאכן ארויס פון די רוישיגע פארנומענע כוואליעס פון אגאנץ יאר.

א ריכטיגע זמן חרותינו.

איז אבער מעגליך אז די "רואיגקייט" איז ארויפגעצווינגען געווארן אויף אונז? קען מען אנרופן די זמן חרותינו "א געצווינגענע חירות?"

דער איד וואס זיצט אין תפיסה האט אויך פיל ווייניגער דאגות פון די איבריגע וועלט, דאס הייסט אן ארויפגעצווינגענע רואיגקייט וואס ער וואלט גערן מוחל געווען.

איז דער יום טוב פסח אויך געווען פאר אונז אויף אזא מדריגה?

דער וועב-קעם קאמערע העכער אייער סקרין צייגט מיר אז אייער געזיכט קוקט אן דעם ארטיקל מיט צוויי אפענע אויגן... איר פארשטייט נישט, הא?

עס איז נישט אזוי גרינג צו פארשטיין, אבער ווען איר וואלט באטראכט פון דער נאנט וויאזוי מיר ביזנעסלייט רעאגירן צום "נאך פסח", מיט וואספארא אפעטיט מען כאפט זיך ארויף אויף די "יאגעניש און פלאגעניש", אויפן בלעקבערי און אייפאן, ווי א שטיקל חמץ מוצאי פסח, וואלט אייך אויך שווער געווען די קשיא.

מה כל השמחה? אויב איז עס זמן חרותינו פארוואס דארפן מיר דאס נישט אגאנץ יאר?

פארוואס זעט מען די זעלבע אינגעלייט וואס אין די פסח טעג האבן זיי אנגעהויבן שחרית מיט א רואיגקייט ביי "לעולם יהא אדם", נישט אויסגעלאזט גארנישט, און נישט מער ווי א וואך צוויי דערויף האבן זיי שוין נישט קיין צייט צו אטעמען צופרי, לאזן אויס גאנצעטע שטיקער, טעקסטן און דרייען זיך פארסאפעט, ווי כאילו "אזא" לעבן איז דאס ריכטיגע, און די פסח'דיגע לעבן איז "דזשאסט פאר א טשעינדזש"

ווי גוט האב איך אמאל געהערט די סיבה פון אנהייבן דאס דאווענען פון פארנט (וואס ווערט אויסגעלאזט ביים זיך יאגן) מיט "לעולם יהא אדם", קודם זיי א מענטש! זיי רואיג! זאג אלעס וואס מען דארף זאגן, לאז נישט אויס די קרבנות פון פארנט. מאך נישט די גאנצע טאג פאר א שטיק יאגעניש.

לאמיר זיך נישט נער'ן, לב יודע מרת נפשו, און עס איז נישט אמת אז "עס איז נישטא קיין ברירה"... מיר קענען אינוועסטירן אביסל מער מח וויאזוי אויסצושטעלן דעם טאג אז מען זאל אויפשטיין אביסל פריער, זיך לייגן שלאפן אביסל פריער, וואס פארלאנגט באמת נישט צופיל אנשטערענגונג. ומי מעכב? חוסר המחשבה. די סיטואציע איז דאס וואס איז משפיע אויפן גאנצן ארום. אז מען ארבעט שווער אגאנצן טאג וועט דער מח נישט זיך אפשטעלן פון זיך אליינס פארלאנגען אביסל רואיגקייט, ביז עס קומען די הערליכע ימים טובים געציילטע טעג אין יאר וואס פארלאנגען עס בעל כרחך.

לאמיר מיטנעמען די חירות אויף א גאנץ יאר, אונזער לעבן איז נישט געשטעלט געווארן לכתחלה אלץ א "פארנומענע" וואס מען זאל נישט האבן קיין צייט און קיין קאפ צו קיין ציוויליזאציע און נארמאלקייט. אז מען ארבעט שווער, מען איז מקיים ערליך די "בזיעת אפיך תאכל לחם" איז דאס נישט קיין היתר אויף ארויסגיין פון די מענטשליכע לעבנסשטייגער.

לאמיר ארבייטן די שעות וואס מיר זענען אין ארבעט, און דאס איבריגע לאמיר זיין נארמאלע מענטשן, ערליכע אידן, מיט צייט צופרי און ביינאכט פאר די מענטשליכע און רוחניות'דיגע פליכטן כלפי די בני בית, אנדערע מענטשן, און כלפי דעם רבוש"ע.

הכונו!
בוני עולם
דינער השנתי
ג' פרשת בחוקותי י"ג אייר תשע"א
TUESDAY MAY 17TH 2011
עטרת חי' • בית רחל • היללמאן פלאזא
בוני עולם
BONEI OLAM
א אידישע
נשמה'לע

דיסקוסירט אנליין

מיד ביי די ארבעט?
...שלאגט אפ מאטערניש און מידקייט, שעפט אייך אן מיט ...ע נאטורליכע כוחות. Zahler® B12 Energizer+™ וועט ... העלפן אריין בלאזן ענערגיע אינעם קערפער פונדאסניי.
א שאד זיך צו מוטשען, גיבט אריין א חיות אין א איד!
advanced nutrition by ZAHLER
Feel Better, Everyday
NATURAL CHERRY FLAVOR
NATURAL BERRY FLAVOR
PICK ME UP
120 LOZENGES

Job In.
Worry Out.
Step into Brooklyn's coolest, user-friendly digital full service printing house, and get your job done the right way – *the PrintOut way.*
Printout
Print technology in action
829 BEDFORD AVE
BROOKLYN, NY 11205
718.855.4040
jobs@printoutcopy.com

אליבא דהילכתא

איר קענט אריינשיקן שאלות בד' חלקי שו"ע וואס זענען נוגע פאר ביזנעסלייט אין אימעיל צו ask@balboos.com

תשובה:

עס איז אסור.

די ערשטע פאל, וואס מען מעלדט עס נישט איין פאר די שטאט. איז אסור מדין חילול השם אבער איז נישט קיין גניבה כלפי דעם לוקח.

די צווייטע פאל ווען מען פטר'ט זיך דורך א לעגאלע דריידל איז עס אויך גניבה פון דעם לוקח.

געענטפערט דורך
ישיבת בדרכי נועם
לשכת בדרכי נועם. עניני ממונות ושטרות, פשרות בין אדם לחבירו, שאלות המצויות בדיני חו"מ.

בדבר הסעלעס טעקס שהמוכר גובה מהקונה ואינו משלמו להממשלה אם מותר לעשותו וכלפי מי הגניבה כלפי הממשלה או כלפי הקונה ונשאל השאלה בשני אופנים חדא אם משלם מזומן ועל ידי כך אין הממשלה יודעת מהגביה ובאופן שני ששינה השם על שם ישיבה ועל ידי זה נפטר מלשלם המס .

תשובה! לכאורה הוי מלתא דפשיטא שאסור לעשותו בין אם הוא גונב נגד הקונה או נגד הממשלה שזה אינו דומה למבריח מן המכס שאינו נותן ממון שלו להממשלה אבל כאן אם היא של הממשלה הוא גונב בידים ממון שלהם וגניבת עכו"ם אסורה ולרוב הפוסקים הוא מן התורה.

ולכאורה הוי הגניבה כלפי הקונה שהרי נתן בידו מעות ליתן להממשלה והוי המעות פקדון בידו עד שימסור להממשלה את הכסף וכיון שלא מסרו צריך להחזירו לבעל המעות ואין לומר דתיכף כשגובה המוכר את המעות נקנית להממשלה שהרי אין שליחות לעכו"ם ולא נקנה המעות להם והוי ליה המעות של הקונה ועיין יו"ד סי' קס"ט ס"א ישראל שלוה מעות מעכו"ם ברבית ובקש להחזירם לו ואמר לו חבירו תנם לי ואני אעלה לו כדרך שאתה מעלה לו אסור וכו' ואפילו העמידו אצל העכו"ם ואמר לו העכו"ם תנם לישראל זה והפטר ואני אתנה עמו שיתן לי קרן ורבית אסור ע"כ וכתב הרשב"א ז"ל בטעמו דאף לאחר שפטרו העכו"ם עדיין המעות של הישראל דאף שהישראל הראשון נפטר מ"מ לא זכה ליה הישראל שני להעכו"ם את המעות וזוזי ישראל נינהו ואי בעי הדר שקיל להו מישראל שני דלדעת שיזכה לגוי נתנם וכל שלא זכה בהם הגוי אף הוא חוזר ונוטלם לכן הישראל הראשון נחשב למלוה ע"כ וא"כ ה"נ הוי המעות של הקונה.

ויש לחלק דכאן שאני כיון דמדינא דמלכותא נפטר הקונה במה שנתנו להמוכר ואף כשיוודע למלכות שהמוכר גנבו יענשו את המוכר ולא יתבעו את הקונה שלא שלמת חובך שלא הגיע לידינו אם כן הוי כאומרים להקונה תן להמוכר והפטר ואין הקונה יכול לחזור ולתבוע את המוכר שרוצה לחזור בו בהמעות שלא ליתן אלא אם ייחזר המקח ואם כן הוי כהמעות הם של הממשלה ואין זה גניבה מיד הקונה אלא מהם ואפשר לומר בזה שמיד הקונה יצא המעות ולידי הממשלה לא בא כי אין זכות לעכו"ם ואין להמוכר מעותיהם בידו אלא שחייב להם ואם כן לא הוי גניבה ממש מידם אלא הפקעת הלואתם.

אך כל זה אמור בזמנים הקודמים שהיה מלכות והכל היה שייך למלכות אבל כהיום שכל התושבים הם שותפים בדבר שהרי כל אחד יש לו זכות בחירה לבחור מי שינהל את המדינה ואם כן המס שייך לכולם וכשהמוכר מקבל המס הוא מקבל לו לעצמו וגם לכל התושבים ומיגו דזכה לנפשיה זכה לאחריני ואם כן אף לעכו"ם הוא קונה דמיגו דזכה לנפשיה אמרינן אפילו במקום שאינו יכול לזכות מטעם שליחות והכל שייך להממשלה שכלם שותפים בדבר והמעלים גונב הוא את הממשלה.

ויש לעיין דכיון דמעות זה הוא שייך לכל התושבים ואם כן לא מגיע שוה פרוטה לאיש אחד ובפחות משוה פרוטה אין קנין נתפס כמו שכתב רש"י ז"ל בהא דהאזרח בישראל ישבו בסוכות דמזה ראיה שיוצאין מצות סוכה בסוכה שאולה כיון שלא מגיע שוה פרוטה לאחד לא הוי ליה דין בעלות ולא הוי שלו ועל כרחך שיוצאין בשאולה אמנם יש לומר דהני מילי לישראל דפחות משוה פרוטה לא חשיב אבל עכו"ם דלא נאמרו שיעורין לבן נח ונהרג על פחות משוה פרוטה הוי בעלים כל אחד על פחות משוה פרוטה ושוב אין המוכר קונה לעצמו שהרי אין בו שוה פרוטה והעכו"ם אפשר להו לקנות אך כיון שאינו קונה לעצמו שוב ליכא מיגו דזכי לנפשיה והוי כזוכה לעכו"ם בלחוד ואין זכות לעכו"ם להיות שליח לקנות להם ולא הוי שלהם ומידי הקונה יצא משום דינא דמלכותא ושוב הוי לגבי העכו"ם הפקעת הלואה כנ"ל.

אבל אסור לעשותו משום חילול השם שגונב את המס שקיבל עבור הממשלה.

אמנם זה אמור לאופן ראשון שהמס ניתן לצורך בחיוב אלא שהמוכר גנבו אבל היכא שהמוכר שינה שם הבעלות של המכונית ועל ידי זה נפטר מלשלם את המס בזה ששינה השם נפטר הקונה מלשלם המס ובטעות נתנו ליד המוכר שהוא נתנו רק כדי ליתן להממשלה כדברי הרשב"א הנ"ל דאינהו המוכר ולא נטלו להקנות לכולם את המס הוי ליה מעותיו של הקונה ולא שייך לומר דינא דמלכותא דמדינא דמלכותא בכה"ג פטור אם כן הוי ליה גנב מן הקונה, ודוק.

היוצא מכל האמור דבאופן שקיבל המס לצורך הממשלה ולוקח הוא את זה לעצמו הוי גנב נגד הממשלה ואין בזה משום גניבה אלא הפקעת הלואה ואסור מום חילול השם ואם עשה אופן שיפטור ולקח את המעות לעצמו הוי גונב את הלוקח.

דיסקוסירט אנליין


J. Weinberger
ARCHITECTURAL TEAM
INTERIOR DESIGN SOLUTIONS
t 718.855.5702 f 718.865.0645
e info@archteamonline.com
וואו איז דא פלאץ פארן
נייעם ארבייטער?